


פרשת וישב

יאר 2, גליון 32

חנוכה חיזוק,
רעסעפיס און
נאך...
212-444-9169
#2, 9

### עלטסטע קלאס וויליאמסבורג– רחל וועבערמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל שוין זיין נאך חתונות אין ישיבה, שכח אייבערשטער ס'גייט שוין זיין נאך חתונות!

### עלטסטע קלאס שטעטל– לאה'לע שטראססער



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען ענדיגן תהלים און שכח אייבערשטער אז די וואך האב איך נאכאמאל געענדיגט תהלים!

### דריטע קלאס שטעטל–פייגי בוים

איין טאג האב איך געמאכט beads ,

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען שיין, שכח אייבערשטער ס'איז אויסגעקומען זייער שיין. אביסלשפעטער האט זיך עס צופאטשקעט, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל בלייבן פרייליך , שכח אייבערשטער איך בין געבליבן פרייליך!



### פיפטע קלאס שטעטל– ליבי אינדיג

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין טרעפן א שיינע קלייד פאר מיין פעטער'ס חתונה, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א הערליכע קלייד!



### צווייטע קלאס וויליאמסבורג– שיפי רייך

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין פרייליך, שכח אייבערשטער איך בין זייער פרייליך!



### ערשטע קלאס וויליאמסבורג– שרי הערצאג

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל נישט פארפאסן די באס, שכח אייבערשטער איך האב עס געכאפט!



**ערשטע קלאס שטעטל– אדל יאקאבאוויטש**



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונזער משפחה זאל גיין צו מיין באבעס הויז פאר שבת, שכח אייבערשטער אז אונז גייען אי"ה גיין די וואך!

**פרי 1–א שטעטל– חני פורסט**



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין פוס זאל נישט קראצן, שכח אייבערשטער אז ס'האט זייער שנעל אויפגעהערט צו קראצן!

# א מעשה פון א צדיק...

דער הייליגער בעל שם טוב איז אמאל געגאנגען צו א ווייטע שטאט. אויפן וועג איז געווען א טייך וואס די איינציגסטע וועג אדורך איז געווען צו גיין מיט א שיף אדער בריק. ער האט געזוכט איבעראל און נישט געטראפן קיין איינס פון די צוויי זאכן, האט דער בעל שם טוב געזאגט א הייליגע נאמען פון דער אייבערשטער (עס הייסט שמות). אמאל פלעגן צדיקים זיך באנוצן מיט שמות צו קענען פליען, האבן קפיצת הדרך אדער מאכן ניסים... דאס מאל נאכן זאגן די שמות האט זיך דער בעל שם טוב געטראפןביים אנדערן זייט טייך. נאכדעם האט דער בעל שם טוב געטראכט צו זיך, "פארוואס האב איך נישט פשוט געבעטן דער אייבערשטער אז איך זאל קענען אריבערגיין, אזוי ווי איך לערן אויס פאר אלע מענטשן?" אויף די וועג צוריק האט דער בעל שם טוב באשטימט אז ער וועט נאר נוצן תפילה, ער וועט בעטן דער אייבערשטער. דער הייליגער בעל שם טוב האט גענומען זיין גארטל און עס געמאכט אזוי ווי א שיף, און געבעטן דער אייבערשטער אז ער זאל קענען פארן מיט דעם ביז די אנדערע עק טייך. און... די נס איז געשען! דער בעל שם טוב איז אנגעקומען צו די אנדערע זייט! **פון דא זעען מיר אז יעדע זאך וואס מ'דארף, נישט קיין חילוק צו ס'איז א גרויסע זאך אדער א קליינע זאך, זאל מען נאר בעטן פון דער אייבערשטער און דער אייבערשטער העלפט!**



געשריבן דורך: יוכבד רוסמאן

# נייעס אין בית פינא...

**שטעטל:**

**א מעשה פון תפילה! מאנטאג צופרי האט אונז אפגעווארט הערליכע נייע טיילס אין די גאנצע סקול!**

**קרית יואל:**

**מיר זענען אלע אזוי פריילך אז אונזער לערערין מרת וויס האט שוין חתונה געהאט!**

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה...תחי'

איך האב זייער הנאה פון דיר, פון דיין דרך ארץ, צניעות, און גוטע מידות. דו פרובירסט אייביג צו מאכן א צווייטן פילן גוט. דו ביסט א גוטע "אויסהערערין", דו הערסט אויס א צווייטן. יעדער האט ליב ווען מ'הערט אויס וואס זיי האבן צו זאגן,(און מ'ווייזט כאטש אז) מ'איז אינטערעסירט אין איר מעשה אדער ווערטל, אדער סיי וואס זי האט צו דערציילן. דאס, צו אויסהערן, איז א גרעסערע קונץ ווי צו רעדן, און ס'ווייזט אויף קלוגשאפט.

האלט ווייטער אן צו זאגן תהלים. יעדע קאפיטל איז אן אייביגע אינוועסטמענט, ס'וועט דיך צוניץ קומען אין דיין לעבן! איך געדענק נאך ווען ס'דיר געווען שווער צו זאגן מער ווי אפאר קאפיטלעך, יעצט קוקן די יונגערע מיידלעך ארויף צו דיר. קענסט זיי מחזק זיין, אז אביסל איז אויך גוט, און צוביסלעך קען מען זאגן מער און מער!

מיט ליבשאפט,
מרת לעזער

## Delicious & Easy Cupcakes

- 2 ½ cups flour
- 1 ½ cups sugar
- 2 tsp. baking powder
- 1 tbsp. vanilla sugar
- 4 eggs
- 1 cup oil
- ½ cup orange juice

Preheat oven on 350$^{0}$.

Mix all ingredie nts. Pour into cups and bake until golden.

Top with chocolate and toppings.

**געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען גוט!**

**"מזל טוב"**

**רחל לאה**
**וייס**
**(פארקאש)**

**צו איר**
**תתונה!**

~~~~~~~~

**יענטי**
**פעלבערבוים**
**צו איר שידוך!**
~~~~~~~~

# מיר לערנען זיך פון
# "עצתו אמונה"

## זיין ביים רבי'ן ראש השנה

מיר האבן יעצט געליינט א מעשה וואס איז זייער וויכטיג פאר די לעבן.



"איך לאָז נישט אָפּ דעם רבי'ן!"

די רב פון די שטאט ברסלב, ר' אהרן, האט געפרעגט די הייליגע רבי "וואס זאל איך טוהן, די מענטשן פון מיין קהילה ווילן נישט איך זאל קומען צו די רבי ראש השנה?" "דעמאלט קום נישט", האט די רבי געזאגט. זאגט ר' אהרן "אבער די רבי זאגט אז ס'איז גרעסער פון אלעס". "אקעי קום". "אבער איך קען זיי נישט איבערלאזן". צום סוף איז ער נישט געקומען. ר' נתן האט געזאגט פאר ר' אהרן, "אפילו די רבי זאל נעמען א אייזערנע שטעקן און האקן אויף מיך וואלט איך נאך אלץ נישט אוועקגעגאנגען פון די רבי! אויף ראש השנה האט די רבי געפרעגט וואו ר' אהרן איז. איך לערן זיך פון די מעשה אז אפילו די צדיק זאגט קום נישט צום שיעור דארף מען יא גיין.

געשריבן דורך: חילע היימליך

## פון דער ראש ישיבה שליט"א...

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו זאגסט יעדן טאג דעם 'יום תהילים'; מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים, בפרט מיידלעך וואס דארפן גרויסע ניסים צו טרעפן אן ערליכער שידוך, אן ערליכער בחור מיט יראת שמים איז זייער א גרויסע זאך פאר זיי צו זאגן תהלים.

דאס וואס עס איז דיר שווער צו רעדן צו מענטשן וכו'; די עצה אויף דעם איז אסאך רעדן צום אייבערשטן, ווייל ווי מער מען געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן אלץ שטערקער ווערט אויפגעבויט די אמונה סיי אינעם אייבערשטן און סיי אין זיך, מען גלייבט אין זיך אז מען איז חשוב ביים אייבערשטן. נאכדעם איז מען שוין נישט אזוי פארנומען מיט זיך, מען טראכט נישט: 'וואס וועט מען טראכטן פון מיר?' 'וואס וועט מען זאגן אויף מיר?'

עס איז זייער געזונט צו הערן לעבעדיגע ניגונים; היינט איז דא א שפע פון ערליכע זינגערס וואס זינגען ניגונים פון אמונה. דאס פארטרייבט אלע שלעכטס פונעם מענטש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.